אין די
ארטאדאקסישע וועלט.

די בעוועגונג פון די בית יעקב שולען אין פוילען.

קראָקא (א. י. פ. ב.) פרוי שרה שענירער, די פיהרערין פון די בית יעקב שולען אין פוילען, האָט אין אנהויב פון ווינטער סעמעסטער אונטערגענומען א אגיטאַציאָנס-רייזע לטובת די טעכטער-שולען. זי האָט איבעראל פעסטגעשטעלט א גינסטיגע בעוועגונג. אין די שטעדט יאווארזשנע, וולאַצלאוו, איזביץ רישא, אוֹלעמבערג האָט זי נייע שולען געגרינדעט. אין נאָך פיעל שטעדט האָט זי געהאַלטען אויסגעצייכענטע פאָרטראגען איבער די בעדייטונג פון טעכטער-ערציהונג.

די גראנדיעזע אויפנאַהמע פונ'ם אגודת ישראל-אָנפיהרער ר' יעקב ראזענהיים אין פרעשבורג.

ברעטיסלאווא. (א. י. פ. ב.) דער טאָג פון 3-טען כסלו איז געוועזען פאַר'ן פרעשבורגער יודענטום א גרויסער יום-טוב, צוליעב'ן בעזוך פון ר' יעקב ראזענהיים.

ווען ר' יעקב ראָזענהיים איז אין דער בעגלייטונג פון די לאַנדעס-פארשטעהער פון די אַגודת ישראל בעטרעטען דעם גרעסטען שטאָדטישען זאַל „בעלעווי", איז שוין דער זאַל געוועזען פול בעזעצט, צווישען די אנוועזענדע זענען געוועזען אויך אַ גרויסע צאָל תלמודי חכמים, וועלכע געהמען קיינמאל נישט קיין אַנטהייל אין קיין עפענטליכע פערזאַמלונגען עס זענען געקומען רבנים און אָפיציעלע פאָרשטעהער פון די שכנישע קהלות, צווישען זיי אויך אַזעלכע וועלכע האבען מיטגעמאַכט אַ 12-שעה'דיגע רייזע, כדי צו קענען לערנען דעם פיהרער פון די „אַגודת ישראל" ר' יעקב ראָזענהיים. אויך אַלע מלוכה, שטאדט און פאליציי אַגענטען, זענען געוועזען פערטרעטען. אויף די טריבונע האבען פערנומען פלאַץ די מיטגליעדער פון פרעשבורגער ראַבינאט, דאס פרעזידיום פון די ארטאדאקסישע לאַנדעס פארשטעהער, דער פערטרעטער פון בילדונג'ס-מיניסטעריום, און פאלקס-אויפקלערונג. צווישען די רייהע פון די צוהערער, האט בעזונדערס געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאמקייט, דער דעפוטאַט ד"ר. געקאַז, סעקרעטאר פון פרעזידענט מאַסאַרעק. הרה"ג ר' שמעון הירשלער האַלט אין נאָמען פון די לאַנדעס-אָרגאַניזאַציע פון „אגודת ישראל" אַ בעגריסונגס-רעדע, אין וועלכע ער וויזט אָן די גרויסע פערדינסטען פון ר' יעקב ראזענהיים פאַר'ן יודענטום. און בעזונדערס פאַר „אגודת ישראל". אונטער רוישענדע אוואציעס פון אַ פיעל טויזענד קעפיגען עולם הויבט ר' יעקב ראָזענהיים אָן זיין פאָרטראַג איבער „דאָס-יודענטום און זיין צוקונפט" מיט קלאָרע ווערטער שילדערט ער אַלע זייטען פון דער יודישער וועלט-אַנשויאונג. ער פּאָלעמיזירט געגען די וועלט-אַנשויאונג, וועלכע שטעהט אין גרונד-פּרינציפּ געגען די יודישע תורה און קולטור, און וויזט אָן אויפ'ן גרויסען שאָדען, וואָס די פרעמדע אנשויאונגען, וועלכע מ'וויל אַריינברענגען אין יודענטום, האָבען געברענגט שאָדען. דעם פאָרטראַג בעגלייט פון לאַנג-דויערענדען בייפאַל פונ'ם גרויסען פּובליקום, קען מען בעצייכענען אַלס אַ קידוש שם שמים ברבים.

די אנטייל-נעמער אין דער קרן-התורה-קאָנפערענץ.

וויען (א. י. פ. ב.) ביז איצט האָבען פאָלגענדע געסט זיך געמאָלדען צו קומען קיין האמבורג אנטייל צו נעהמען אין די קרן התורה-קאָנפערענץ, פון וויען הרה"צ ר' מרדכי שלום יוסף פרידמאַן פון סאדיגורה, הרב ד"ר פנחס כהן און ד"ר ש. דייטשלענדער. פון פראנקפורט איז פערטרעטען פון ועד הפועל: ר' יעקב ראזענהיים, ה. האלענדער און ה. אייזענמאַן. פון ליטא: הרב כהנמאַן פאַניוויעש. סיים-דעפוטאַט ד"ר האלצבערג טעלז. פון פויליש ליטא: הרב קאָסאָווסקא—אחגוסטאָוו. הרב קאלמאַנאָוויטש ראקוב סובאלקער רב. און ד"ר ל. ניעמצאוויטש-ביאליסטאָק. פון פוילען: הרב ר' מאיר שפירא — פיעטרקוב. פון לעטלאַנד — ה' וויטענבערג.

א גרויסע אגודה-פערזאַמלונג אין בערלין.

בערלין (א. י. פ. ב.) מיטוואָך דעם 26 נאוו. איז דאָ פאָרגעקומען א גרויסע מאסען פערזאַמלונג פון דער אגודת ישראל. די הויפט-רעפערענטען זענען געוועזען ד"ר משה אויערבאַך. איבערן קהלות-געזעץ אין ארץ ישראל. הרב ד"ר עזרא מונק איבער די צענטראל ראַט-זיצונג אין קראקא און ה' גאָלדשמידט פון פראנקפורט איבער די טעטיגקייט פון דער ארץ-ישראל-צענטראַלע.

די ערשטע ארבייט פון אונזער דעמאקראטישען ראט.

יעדער יוד, וועלכער איז נאָר בעקאַנט מיט די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע וועלכע אלע שיכטען אהן אויסנאַהם, פון די יודישע בעפעלקערונג לעבען איבער — און די וועלכע פרעטענדירען צו זיין פאָלק'ס-פאָרשטעהער זענען עס געוויס מחויב צו וויסען — דער ווייסט די גרויסע אחריות וואָס עס נעהמט אויף זיך דער, וועלכער געהמט זיך אונטער ביי הייטיגען טאָג אנצוּוואַרפען נייע, פרישע שטייערן. ביי אַזאַ, ממש קאטאסטראפאלען צושטאנד פון די יודישע בעפעלקערונג, ווען פון איין זייט בעמיהט מען זיך ארויסצושטויסען אונז פון אלע צווייגען פון די עקאָנאָמישע פּאָזיציעס, און פון די אנדערע זייט קומט אונז אויס, אלס שטאָדטישער עלעמענט צו טראָגען אויף אונזערע פּלייצעס די מעהרסטען לאסטען פון די אַלע ארויפגעלעגטע שטייערן. ביי אזא לאַגע, מוז מען זיין אומגעהויער פאַרזיכטיג ביים שיקען דעם סעקוועסטראטאר אויפצומאָנען זאגאר אלטע חובות ובפרט נאָך צו שטעלען נייע חובות... ווייסט דאָך יעדער, וועלכער איז נאר א ביסעל בעקאַנט מיט די אינערליכע פערעלטענישען פון די גמינע, פון אזעלכע פאקטען, אז בעלי הבתישע מענשען וועלכע האָבען די גאנצע יאהרען זייער מס העדה מיט פערגעניגען בעצאהלט קומען הייגט בעטען, מ'זאָל אויף זיי ממש רחמנות האבען און זיי בעפרייען, פון די אויף זיי ארויפגעלעגטע 20—30 זלאָטעס — פשוט, ווייל זיי פערמאָגען עס נישט.. און דארום איז גאנץ פערשטענדליך, דאָס וואָס די אָרטאָדאקסישע פראקציע, די וועלכע קומען אין קאָנטאקט מיט'ן פראקטישען און רעאלען לעבען, און וואָס אויף זיי ליגט טאקי די גאַנצע פעראנטוואָרטליכקייט, פערשטעהענדיג די גרויסע אחריות, באלד ביים צונויפשטעלען דעם בודזשעט—וועלכער אויף וויפעל מ'זאָל איהם נישט וועלען קורצען מוז ער אויך זיין א דריי-פאכיגער, — אָנגענומען א בעשלוס אז אויסער דעם יודישען שפיטאָל וועלכע איז א הכרח קיין נייע אונטערנעהמונגען, ביים יעצטיגען קריטישען מאָמענט נישט אונטערצונעהמען אויפ'ן חשבון פון די אזוי דערדריקטע יודישע בעפעלקערונג. און אויך זאגאר אזא נויטווענדיגע זאָך ווי א בית יעקב-שולע האָבען זיי זיך אָבגעהאַלטען פון צו גרינדען. און ווער שמועסט נאָך צו בעשטייערן די יודישע בעפעלקערונג ביים יעצטיגען קריטישען מאָמענט פאר אזעלכע אינסטיטוציעס וועלכע וואָרצלען אויס ביי די יודישע יוגענד דאָס רעליגיעזע געפיהל.

דעריבער האָט טאקי די גמינע פערוואַלטונג, וועלכע בעשטעהט פון א מעהרהייט פון אָרטאָדאָקסישע יודען אָבגעוואָרפען די ביטע אונטערצושטיצען די פאָלקס-שול וועלכע וואָרצעלט אויס ביים יודישען קינד נישט נאר יעדען רעליגיעזען געפיהל, נאר רייסט איהם אָב פון אונזער אלטען היסטאָרישען עבר... און דעריבער האָט טאַקי די גמינע בעשלאָסען נישט צו סובסודירען אזאַ ביבלאָטעק וועלכע פערשטעהט צו פערשפרייטען אַזעלכע ביכער וועלכע שענדען די יודישע רעליגיע.

איז דאָס עפעס א ספּעציפיש אגודה'שע אנשויאונג, צו ס'איז די מיינונג פון יעדען יודישען יוד?

ליידער האָבען נישט אלע דאָס פערשטאַנען, און וויפיעל מ'האָט אַלץ נישט גערעדט און ערקלערט אז דאָ האנדעלט זיך נישט וועגען די אדער יענע פערזאָנען, וועלכע זאָלען שטעהען אין דער שפיץ פון די יודישע גמינע, האָבען דאָך פיעל געהאַלטען אין טענה'ן אז — — ס'לוינט נישט צו מאכען קיין מחלוקת.. און דאריבער ווען ס'האָט זיך געהאנדעלט ביים פאָרזיצענדער פון קהלה-ראט זענען געווען מיינונגען אז למען השלום זאָל מען שטימען פאר'ן ציוניסטישען קאנדידאט ה' וויינטרויב. פערזיכערענדיג אז אין רעליגיעזע פראגען וועט ער געהען האנד ביי האנד מיט די אָרטאדאקסישע יודען.

און אָט איז דער רעזולטאַט פון די ערשטע זיצונג אונטער'ן פאָרזיץ פון נייעם ציוניסטישען פּאָרזיצענדער.

אויף די זיצונג וועלכע איז פאָרגעקומען פאָריגען זונטאג, אהן די בעטייליגונג פון די אָרטאָדאָקסישע ראַט-מענער, איז בעשלאָסען געוואָרען צו בעשטייערן די יודישע בעפעלקערונג **מיט העכער 2000 זלאָטעס לטובת די פאָלקס שול' ביבליאָטעק, אקאדעמישע-היים, און נאציאָנאַל-ראט.**

דאָס וואָס דער פאָרזיצענדער האָט צונויפגערופען די זיצונג פון ראַט, וויסענדיג אז די אָרטאָדאָקסישע ראַט-מענער וועלין זיך אין איהר נישט בעטייליגען, האָט ער דערמיט אַליין שוין בעשטעטיגט, אז ער מוז זיך זאָגאר נישט ווילענדיג אונטערוואַרפען דעם ווילען פון די פראַקציע וועלכע האָט איהם אויסגעוועהלט. און איבעריגעס האָט ער עס דערנאָך בּ' וויזען מיט זיין שטימען פאַר די אלע סובסידיעס. (אויב ער האָט געשטימט פאַר אַ קלענערע סומע איז גאָר קיין אונטערשיעד נישט)

און דערמיט איז נאָך די זאַך ווייט נישט געענדיגט. דער וועלכער זאָגט אַלף, מוז מען זאָגען בית. אויב מ'האָט יעצט בעשטימט העכער צוויי טויזענד זלאָטעס אויפ'ן חשבון פון פערגאַנגענעם יאָהר, וויפיעל-זשע וועט מען עס ברויכען בעשטימען אין דעם קומענדען בודזשעט פון נייעם יאָהר? און בכלל, אויב מען בעשטימט אויף שולען און ביבלאָטעקען, אויף אַקאַדעמיקער-היימען און נאציאָנאַל-ראַט'ן פאַר-וואָס-זשע זאָלען מען טאקי נישט בעשטימען אַ סובסודיע לכל הבחות פאַר די העברעאישע קורסען און דאָרטיגען ביבליאָטעק. פאַר-וואָס זאָל מען טאַקי אויך נישט בעשטימען א סובסידיע פאַר אַ פאָלק'ס-טעאַטער וועלכער איז פאַר אונזערע דעמאָקראַטען דוראויס נויטיג?

און וואָס וועט דארויף זאָגען דער פשוט'ער יוד, דער יוד וועלכער מאַטערט זיך אַזוי שווער און ביטער צו דערהאַלטען זיין עקזיסטענץ, ווען ער וועט זיך דערוויסען פון די נייע שטייערן וואָס די פאָלקס מנהיגים הילען אויף איהם אַרויפלעגען?

די אָרטאָדאָקסישע שלוחים וועלען זעלבסטפערשטענדליך, בעשלוסען פון אזעלכע זיצונגען, אין וועלכע ס'בעטייליגען זיך נישט די מעהרהייט מיטגליעדער, נישט אַקצעפּטירען.

— עס שטעלט זיך נאָר די פראגע, צו יעצט, ווען די קאָרטען זענען שוין אויפגעדעקט געוואָרען, צו וועט נאָך ווער וואגען צו זאָגען אז די פראגע וועגען פאָרזיצענדער איז געווען בלויז א פערזאָנען-פראָגע?

—ן.

וואס הערט זיך אין שטאדט.

די זיצונג פון קהלה-ראט

זונטאג כ"ד כסלו ה. י.

ביי דער אבוועזענהייט פון דער גאנצער אָרטאָדאָקסישער פראַקציע עפענט ה' וויינטרויב די זיצונג און ווידמעט עטליכע ווערטער דעם נאָר-וואָס פערשטאָרבענעם הרב מאזה פון מאָסקווא, וועמען די בעפּאָלמעכטיגטע בעעהרען מיט אויפשטעהען פון די ערטער. ס'ענטוויקעלט זיך נאכהער א קורצע דעבאַטע איבער דעם ערשטען פונקט פון טאגעס אָרדנונג וועגען אויסוועהלען א שטענדיגען וויצע-פאָרזיצענדער. ה' מאלין לעגט פאָר די דאָזיגע פראגע צו בעהאַנדלען ערשט דאמאָלס, ווען אויך די „ברוגז'ע אונזערע" וועלען זיך איבערבעטען... ראזענזומען צווייפעלט אָבער צו דער סטאראָסטא וועט וועלען דערויף איינגעהען, און צו וועט דאָס אָפּלעגען די וואהלען פון א וויצע-פאָרזיצענדער נישט זיין אמאָל איהם דערווידער... דער פאָרז. פון דער גמינע-פערוואַלטונג ה' גוטגעלד וואונדערט זיך וואָס ה' ראָזענזומען האָט עפעס פלוצים אזוי שטארק מורא בעקומען פאר'ן סטאראָסטא, ער בערוהיגט איהם אָבער אז מצד דעם סטאראסטא וועט דער קהלה-ראַט, לויט זיין מיינונג, נישט בעגעגענען קיין בעזונדערע שוועריגקייטען בנוגע דער פראגע פון וויצע-פאָרזיצענדער. דערמיט ווערט די דיסקוסיע ארום דער פראגע פערענדיגט.

אויפ'ן פערלאַנג פון פאָרזיצענדער ה' וויינטרויב גיט ה' גוטגעלד אָב אַ קורצען בעריכט פונ'דער זעקס-חדשים'דיגער טעטיגקייט פון דער נייער גמינע פערוואַלטונג, לויט וועלכען ס'וויזט זיך אַרויס, אז א דאנק דער אינטערווענץ פון דער גמינע גיט דער מאַגיסטראַט לעצטענס אַרויס אומזיסטע שוויאַדעצטווע'ס פאר אָרימע קראַנקע זיך צו היילען אין וואַרשאווער שפיטאל: ס'הערט אויך דערמאנט דאָס אויבמויערען, דורך דער גמינע, דעם נייעם שעכט-הויז פאַר עופות אין סאַמע צענטרום פון שטאָדט, דאָך צוטרעטען בענייען דעם שוין אַ—לענגערע-צייט פערמאַכטען יודישען שפיטאל, וועלכער ברויך אויך אין איז די נאָנטסטע טעג, נאָכ'ן ערהאַלטען די געהעריגע ערלויבעניש פון וואָיעוואָדע, געעפענט ווערען; אין אַלגעמיין האָט די גמינע-פערוואַלטונג — לויט'ן בעריכט—במשך איהר קורצער טעטיגקייט, געדיענט דער היגער יודישער בעפעלקערונג מיט וואָס נאָר מעגליך איז, אינטערוועניערענדיג ביי יעדע געלעגענ-

אונזער וועג-שעדליץ 1924-12-26 כט-כסלו-תרפה גליון-0029 a 000005 הודפס מתוך הארכיון היהודי